וואס אשה ברייינגט דארף אויך איזד אזבר אויף הייבן (ושתי הלחם ושני כבשי עצרת) דיא צווייא ברויט אונ דיא צווייא שעפסין פון שבועות. דארף מען אויך אויף הייבן (כיצד הוא עושה) וויא זאל מען טאהן. וויא אזוי זאל מען זייא אויף הייבן (נותן שתי הלחם על גבי שני כבשים) מען זאל דיא צווייא ברויט ליינן אויף דיא צווייא שעפסין (ועיין בהרע"ב ותי"ט) (ומניח שתי ידיו מלמטן) אונ דער כהן זאל ליינן זיינע צווייא הענט אונטער דיא שעפסין (מוליך ומביא) ער זאל פירען דיא צווייא שעפסין אונ אויף זייא דיא צווייא ברויטין. פון זיך אונ ברייננען צוא זיך (מעלה ומוריד) ער זאל זייא אויף הייבן אונ אראפ נידערין (שנאמר) וואָרום עס שטייט אין פסוק (אשר הונף ואשר הורם) הונף מיינט מען ער זאל פירען פון זיך אונ ברייננען צוא זיך. אונ הורם מיינט מען ער זאל אויף הייבן אונ אראפ נידערין (תנופה היתה במזרח) ווען דער כהן האט אויף גיהויבן דיא שעפסין מיט דיא חלות האט ער גימעגט שטיין אפילו אין מזרח זייט פון מזבח (והגשה במערב) אונ הגשה האט גיבארפט זיין בייא דעם ווינקול מערב אונ דרום (ותנופות קודמות להגשות) דיא זאכין וואס דארפין תנופה אונ הגשה פריער זאל ער אויף הייבן דער נאך זאל ער צוא טראגין צום מזבח צום ווינקול מערב אונ דרום (מנחת העומר ומנחת קנאות טעונות תנופה והגשה) דער עומר אונ דיא מנחה פון אסוטה דארף מען אויף הייבן אונ צוא טראגין צום מזבח צום ווינקול מערב אונ דרום (לחם הפנים ומנחת נסכים לא תנופה ולא הגשה) דעם לחם הפנים אונ דיא מנחה וואס מען ברייננט מיט אקרבן. דארף מען ניט אויף הייבן אונ ניט צוא טראגין צום מזבח: ז רבי שמעון זאגט (שלשה מינים טעונים שלש מצות) דרייא ערלייא קרבנות זענען דא וואס בייא דיא אלע דרייא צוא זאמען איז דא דרייא מצות (שתים בכל אחת ואחת) צווייא מצות פון די דריי איז דא ביי יעדער קרבן פון דיא דרייא קרבנות (והשלישית אין בהן) אונ אדריטע מצוה איז ניטא בייא זייא. יעדער קרבן פון דיא דרייא קרבנות האט נאר צווייא מצות ניט דרייא (ואלו הן) דאס זענען דיא

זבחי שלמי יחיד. וזבחי שלמי צבור. ואשם מצורע. זבחי שלמי יחיד טעונים סמיכה חיים ותנופה שחוטים. ואין בהם תנופה חיים. זבחי שלמי צבור טעונים תנופה חיים ושחוטים. ואין בהן סמיכה. ואשם מצורע טעון סמיכ׳ ותנופה חיים. ואין בו תנופה שחוט:

ח האומר הרי עלי במחבת לא יביא במרחשת. במרחשת לא יביא במחבת. ומה בין מחבת למרחשת. אלא שהמרחשת יש לה כיסוי. והמחבת אין לה כיסוי. דברי ר׳ יוסי הגלילי. ר׳ חנניה בן גמליאל אומר מרחשת עמוקה ומעשיה רוחשים.

חיים: שלמי יחיד. כתיב בהו סמיכה (ויקרא ג): והנופה שחוטים. בחזה ושוק שלהן כמו את הכהן: שלמי צבור. כתיב בהו תנופה חיים והניף הכהן אותם דהיינו חיים והכי פס טעונים בחזה ושוק שלהן דילפינן (מקדשי) [נ״ל משלמי] יחיד אבל סמיכה לא בעי דהלכתא גמירי לה דאין בכל קרבנות צבור אלא שתי סמיכות בלבד. סמיכה של שעיר המשתלח ועל פר העלם דבר של צבור: אשם מצורע. כתיב ביה תנופה חי דכתיב והניף הכהן אותם בפ׳ זאת תהיה. סמיכה דהוי הפסר לקרבן יחיד שלא יסמוך ידו על ראש קרבנו: אבל לא תנופה שחוט. דמיעט רחמנא גבי שלמי יחיד (ויקרא ז) את החזה להניף אותו. אותו למעוטי אשם של מצורע. בחיים טעון תנופה בחוט. ח מרחשת עמוקה. דכתיב (ויקרא ז)

דיא קרבנות (זבחי שלמי יחיד) דיא שלמים וואס א בעל הבית ברענגט פאר זיך (זבחי שלמי צבור) אונ דיא שלמים וואס מען ברענגט פאר אלע יודינס וועגן (ואשם מצורע) אונ דער אשם וואס א מצורע ברענגט (זבחי שלמי יחיד) דיא שלמים וואס א בעל הבית ברענגט פאר זיך (טעונים סמיכה חיים) דארף דער בעל הבית ארויף לייגן דיא הענט אויף דיא שלמים ווען דיא שלמים לעבין פאר דיא שחיטה (ותנופה שחוטים) אונ אז דיא שלמים זענען געשאכטן געווארן דארף מען זייא אויף הייבן (ואין בהם תנופה חיים) אבער אז דיא שלמים לעבין דארף מען זייא ניט אויף הייבן (זבחי שלמי צבור) דיא שלמים וואס מען ברענגט פאר אלע יודינס וועגן (טעונים תנופה חיים ושחוטים) דארף מען זייא אויף הייבן. איין מאהל ווען זייא לעבין. אונ איין מאהל דער נאך ווי זייא זענען געשאכטן געווארן (ואין בהם סמיכה) אונ מען דארף ניט ארויף לייגן די הענט אויף די שלמים ווען זייא לעבין פאר דיא שחיטה (ואשם מצורע) אונ דער אשם וואס דער מצורע ברענגט (טעון סמיכה ותנופה חיים) דארף דער מצורע ארויף לייגן דיא הענט אויף דעם אשם. אונ אויף הייבן אים. ווען ער לעבט נאך (ואין בו תנופה שחוט) אונ נאך דער שחיטה דארף מען אים ניט אויף הייבן: ח האומר הרי עלי במחבת) אז איינער האט געזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברענגען א מנחה דאס זיא ווערט געמאכט אין א מחבת (פאטעלניע. אסקאווראדע) (לא יביא במרחשת) זאל ער ניט ברענגען אזוי א מנחה וואס זיא ווערט געמאכט אין א מרחשת וואס איז א טיפען ראנדעל. א טיפע פאן (במרחשת לא יביא במחבת) אז ער האט געזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברענגען א מנחה וואס זיא ווערט געמאכט אין א מרחשת. זאל ער ניט ברענגען אזוי א מנחה וואס זיא ווערט געמאכט אין א מחבת (ומה בין מחבת למרחשת) וואס איז א מחבת אונ וואס איז א מרחשת (אלא שהמרחשת יש לה כיסוי) המרחשת איז צוא געדעקט פון אויבן (והמחבת אין לה כיסוי) אונ א מחבת איז ניט צוא געדעקט פון אויבן (דברי רבי יוסי הגלילי) אזוי זאגט רבי יוסי הגלילי. רבי חנניה בן גמליאל זאגט (מרחשת עמוקה) א מרחשת איז טיף (ומעשיה רוחשים) אונ דיא מנחה איז שיטער געמאכט

וכל נעשה במרחשת. בתוכה משמע אלמא עמוקה היא טו"ש בלע"ז עשוין מחרס ומסיקין אותן
יש לה תוך: ומעשיה רוחשין. שהשמן נע ונד בכבשן: ויורות הערביים. כמין גומא העשויה
בתוכה ל' רוחש על הלב דמתרגמינן דרחשא בקרקע וטוחה בטיט ומסיקין אש בתוכה עד
ויש בגורסין ומעשיה רכין. כלומר שליפתה שמתלבן ואופים בה עיסה: אם רצה יביא

רכה: ומחבת צפה. דכתיב (שם) על מחבת משמע עליה ולא בתוכה אלמא אין לה תוך: צפה. שאינה עמוק' אלא (שוליה) צפין אל אוגניה. כמו צף על פני המים: ומעשיה קשים. שהעיסה שמטגנים בה ליבשה קשה

ומחבת צפה ומעשיה קשים:

מ (האומר) הרי עלי בתנור. לא יביא מאפה כופח ומאפה רעפים ומאפה יורות הערביים. ר' יהודה אומר אם רצה יביא מאפה כופח. הרי עלי מנחת מאפה. לא יביא מחצה חלות ומחצה רקיקין. רבי שמעון מתיר. מפני שהוא קרבן אחד:

אלו

מעשה כופח. דכופח מין תנור הוא ואין הל' כר"י: מנחת מאפה. כתיבי בה חלות ורקיקי': לא יביא מחצה חלות. דכל מנחות באות י' י' הא לא יביא חמש חלות וחמש רקיקין אלא או ככל חלות או ככל רקיקין: מפני שהוא קרבן א'. שהרי כתובי' במנחה אחת שילך יכול להביא מחצה ממין זה ומחצה ממין זה ואין הלכה כר"ש:

כדי שלא תהפך לחוץ שהרי הכלי אין לו שפה:
מ כופח. מקום שפיתת קדרה אחת. ופעמים שמסיקין אותו ואופין בו עיסה: רעפים

אלו

---

אונ שווימט ארום אין דעם מרחשת (ומחבת צפה) אמחבת איז פלאך. דער אונטערשטער רעק איז פון הויבין (ומעשיה קשים) אונ דיא מנחה איז געדיכט גיקנעטין אונ הארט גיבאקט: מ (האומר הרי עלי בתנור) אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברייננען אמנחה וואס זיא ווערט גיבאקט אין אהויבין (לא יביא מאפה כופח) זאל ער ניט ברייננען אזוי אמנחה וואס ווערט גיבאקט אין אכופח ואכופח איז גימאכט אזוי וויא אפאס פון ליים. אונטען אן אדעק אונ הויבין אן אדעק. אונ מען שטעלט דיא פאס אויף ציגעל אויף דיא ערד. אונ אינוויינינ לייגט מען אריין פייער. אונ פון הויבין איז דיא לאך גרויס נאר איין טאפ אריין צוא שטעלין. אונ אמאהל באקט מען אין דעם כופח (ומאפה רעפים) אונ זאל ניט ברייננען אמנחה וואס ווערט גיבאקט אויף אאנגיברענטע קאכלע (ומאפה יורות הערביים) אונ זאל ניט ברייננען אזוי אמנחה וואס ווערט גיבאקט אין דיא קעסלען פון דיא אראבער ודיא אראבער מאכין גריבער אין דיא ערד. אונ בעקלעבין אינוויינינ מיט ליים דיא ווענט אונ דעם דעק. אונ ברענען אינוויינינ פייער ביז דיא ווענט ווערין גוט הייס. אונ זייא באקין אינוויינינ. רבי יהודה זאגט (אם רצה יביא מאפה כופח) אויב ער וויל מעג ער ברייננען אזוי אמנחה וואס ווערט גיבאקט אין אכופח. ווארום אכופח מיט אהויבין איז גלייך (הרי עלי מנחת מאפה) אויב ער האט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברייננען אגיבאקטע מנחה (לא יביא מחצה חלות ומחצה רקיקין) זאל ער ניט ברייננען פינף חלות אונ פינף קיכלאך. נאר אדער צעהן חלות אדער צעהן קיכלאך אמנחה דארף זיין פון צעהן. אדער חלות צעהן אדער קיכלאך צעהן (רבי שמעון מתיר) רבי שמעון זאגט מען מעג ברייננען העלפט פינף חלות אונ העלפט פינף קיכלאך (מפני שהוא קרבן אחד) ווייל קיכלאך מיט חלות קומען אמאהל פון איין מנחה. צעהן קיכלאך אונ צעהן חלות. קען מען ברייננען פון איין מנחה פינף קיכלאך אונ פינף חלות זייא:

אלו

פרק ו **אלו** מנחות נקמצות ושיריהן לכהנים. מנחת סלת. והמחבת. והמרחשת. והחלות. והרקיקין. מנחת עו"ג. מנחת נשים. מנחת העומר. מנחת חוטא. ומנחת קנאות. ר"ש אומר מנחת חוטא של כהנים נקמצת. והקומץ קרב לעצמו. והשירים קרבים לעצמן: **ב** מנחת כהנים ומנחת כהן משיח ומנחת נסכים. למזבח. ואין בהם לכהנים. בזה יפה כח המזבח מכח הכהנים. שתי הלחם ולחם הפנים. לכהנים. ואין בהם למזבח. ובזה יפה כח הכהנים

פרק ו **אלו** מנחות נקמצות. מנחת סלת נקמצת עיסה ומנחת מחבת ומרחשת וחלות ורקיקין דהיינו מאפה תנור לאחר אפייתן. ובמנחת סלת כתיבה קמיצה בהדיא ובאידך כתיב אזכרה. ואזכרה היינו קומץ: מנחת עו"ג או נשים. שהתנדבו אחת מאלו: מנחת העומר. אזכרתה כתיב בה: מנחת חוטא וקנאות. כתיב בהו קמיצה: מנחת חוטא של כהנים נקמצת. אע"ג דמנחת כהן נשרפת כלה דכתיב (שם ו) וכל מנחת כהן כליל תהיה מ"מ בעי קמיצה: והקומץ ק"ב לעצמו והשירים קרבין לעצמן. אבל לת"ק אין מנחת כהן נקמצת אלא נקטרת כמות שהיא. דסבר כל מנחה שהשירים נאכלי' נקמצת ושאין שיריה נאכלים אינה נקמצת והלכה כת"ק: **ב** בזה יפה כח המזבח. לא הוה צריך למתני דהא חזינן דבזה יפה כח המזבח ומאחר דפשיטא היא אלא לאתויי שהמתנדב יין למזבח בלא קרבן דנ"ת מזלפו על האישים על האש והוא נשרף וכלה ואין כח מזבח יפה בזה קמ"ל דלא הלא מנסכו כשאר נסכים ויורד לשיתין דהיינו כמין שני נקבים שהיו במזבח ויורדים למטה עד היסוד כדי ש יהיה כח המזבח יפה: ובזה יפה כח הכהנים. לאתויי

פרק ו א (אלו מנחות נקמצות ושיריהן לכהנים) פון דיא מנחות נעמט מען אראפ אקומץ אונ דיא איבעריגע עסין דיא כהנים (מנחת סלת והמחבת והמרחשת והחלות והרקיקין) אמנחה פון מעהל. אונ אמנחה וואס ווערט גיבאקט אויף אמחבת. אונ אמנחה וואס ווערט גיבאקט אויף אמרחשת. אונ חלות אונ קיכלאך (מנחת עובדי גלולים מנחת נשים) אויב אגעצענדינער אדער אאשה האבין גיברענגט איינע פון דיא פינף מנחות. איז אויך אזוי דער דין (מנחת העומר מנחת חוטא ומנחת קנאות) דר עומר אונ די מנחה פון אחוטא אונ דיא מנחה פון אסוטה. איז אויך אזוי דער דין. מען נעמט אראפ דעם קומץ אונ דיא איבעריגע עסין דיא כהנים. רבי שמעון זאגט (מנחת חוטא של כהנים נקמצת) אויב אכהן איז אחוטא אונ ער ברייננט אמנחה. זאל מען אראפ נעמען אקומץ פון דיא מנחה (והקומץ קרב לעצמו והשירים קרבין לעצמן) אונ דעם קומץ איז מען בזונדער מקריב. אונ די איבעריגע מעהל איז מען בזונדער מקריב. אונ דר ערשטער תנא האלט. מען נעמט ניט אראפ דעם קומץ. נאר מען פארברענט אין גאנצין מיט איין מאהל: ב (מנחת כהנים ומנחת כהן משיח ומנחת נסכים) דיא מנחה וואס אכהן ברייננט. אונ דיא מנחה פון כהן גדול אלע טאג. אונ דיא מנחה וואס מען ברייננט מיט אקרבן (למזבח ואין בהם לכהנים) זאל מען אין גאנצין פארברענען אויף דעם מזבח. אונ דיא כהנים עסין גאר ניט פון די מנחות (בזה יפה כח המזבח מכח הכהנים) ביי די מנחות איז דר כח פון מזבח בעסר ווי דר כח פון די כהנים. דער מזבח נעמט צו די גאנצע מנחה. אונ דיא כהנים האבין פון דיא מנחה גאר ניט ועיין בהרע"ב ותי"ט (שתי הלחם ולחם הפנים) דיא צוויי ברויט פון שבועות אונ דעם לחם הפנים (לכהנים ואין בהם למזבח) עסין דיא כהנים. אונ דער מזבח האט דער פון גאר ניט (ובזה יפה כח הכהנים מכח המזבח) ביי דיא צווייא זאכין איז דער כח פון דיא כהנים בעסער וויא דער כח פון מזבח. דיא כהנים נעמען צו אין גאנצין. אונ דער

מכח המזבח: ג כל המנחות הנעשות בכלי. טעונות שלש מתנות שמן. יציקה ובלילה ומתן שמן בכלי קודם לעשייתן. והחלות בוללן. דברי רבי. והכ״א סלת. החלות טעונות בלילה. והרקיקים משוחים. כיצד מושחן כמין כי. ושאר השמן נאכל לכהנים: ד כל

שתי הלחם של עצרת אם הביאום בפני עצמן בלא כבשים דכ״ת לשריפה עומדות ולא לאכילה כיון שלא קרבו כבשים שמתירים אותם קמ״ל דבזה יפה כח כבשים לעולם דלאכילה עומדות ולא לשריפה:

ג הנעשות בכלי. כגון מנחת מרחשת ומחבת שהן נעשות בכלי: טעונות ג׳ מתנות שמן. למעוטי מנחת מאפה תנור שאינה טעונה יציקה: ומתן שמן בכלי קודם לעשייתן. תחלה נותן שמן בכלי שרת ונותן סלת עליו דכתיב במנחת מרחשת (ויקרא ב) סלת בשמן תעשה כלומר תהא תחלה דעשיה מתן שמן קודם לעשייתה. ובמנחת מחבת כתיב בלולה ויציקה ולא כתיב בה מתן שמן בכלי תחלה ובמרחשת כתיב מתן שמן ולא כתיב בה יציקה ובלילה וגמרי׳ הך מהך נאמר קרבנך במרחשת ונאמר קרבנך במחבת וכילד הוא עושה נותן שמן תחלה בכלי שרת ונותן עליו את הסלת [וחוזר] ונותן עליה שמן ובוללן הרי מתן שמן בכלי ובלילה ולשה במים ואופה בתנור ופותת׳ ויוצק עליה שמן אחר פתיתה וזו היא יציקה הרי שלשתן וקומץ ומקטיר את הקומץ והשאר נאכל לכהנים: והחלות בוללן דברי רבי. השתא מיירי במנחת מאפה תנור שהיא באה חלות או רקיקים וכתיב (שם) סולת חלות מצות בלולות בשמן. רבי כבר חלות בלולות כתיב שבוללן כשהן חלות. ורבנן סברי סולת בלולה כתיב מלמד שבוללת כשהיא סלת וכל׳ כחכמים: החלות טעונות בלילה והרקיקים משוחים. דכתיב חלות בלולות ולא רקיקים בלולים רקיקים משוחים ולא חלות משוחות: כיצד מושחן כמין כי. יונית שהיא כמין ט׳ שלנו כהפרש גודל של שמאל מן האצבע [כזה ט]: ד כל המנחות הנעשות בכלי. הכא לאו למעוטי מנחת מאפה תנור אתא

מזבח האט פון דיא ברויט גאר ניט: ג (כל המנחות הנעשות בכלי) אלע מנחות וואס ווערין גימאכט אין א כלי. אין אמחבת אדער אין אמרחשת (טעונות שלש מתנות שמן) דארף מען געבין אין דיא מנחה דריי מאהל אייל (יציקה ובלילה ומתן שמן בכלי קודם לעשיתן) פריער גיסט מען אריין אייל אין דיא ליידיגע כלי. איידער מען שיט אריין דיא מעהל. אויף דיא אייל שיט מען אריין דיא מעהל. דער נאך גיסט מען אייל אויף דיא מעהל. אונ מען מישט אוים דיא מעהל מיט דיא אייל. דאס איז „בלילה" אוים מישען. דער נאך באקט מען דיא מנחה אין דעם מחבת אדער אין דעם מרחשת אונ מען צוא ברעקילט איר. אונ מען גיסט אייל אויף דיא צוא ברעקילטע שטיקלאך. דאס איז „יציקה" מען גיסט אייל. דער נאך נעמט מען אקומץ פון דיא שטיקלאך אונ מען פאר ברענט אויף דעם מזבח. אונ דיא איבעריגע עסין דיא כהנים (והחלות בוללן) דיא מנחה וואס מען מאכט פון זייא חלות אונ מען באקט אין אהויבין זאל מען דיא חלות אוים מישען מיט אייל (דברי רבי) אזוי זאגט רבי (וחכמים אומרים סלת) אונ דיא חכמים זאגין דיא מעל זאל מען אוים מישען מיט אייל. איידער מען מאכט פון זייא חלות (החלות טעונות בלילה) דיא חלות דארף מען אוים מישען מיט אייל (והרקיקים משוחים) אונ דיא קיכלאך זאל מען בשמירען מיט אייל (כיצד מושחן) וויא שמירט מען דיא קיכלאך (כמין כי) אזוי ווי אטית ☜ ועיין בהרע״ב ותי״ט) (ושאר השמן נאכל לכהנים) אונ דיא אייל וואס בלייבט נאך דעם שמירען אויף דיא קיכלאך אדער נאך דעם אוים מישען דיא חלות. עסין דיא כהנים: ד (כל המנחות הנעשות בכלי טע נות פתיתה) אלע מנחות וואס ווערין גימאכט

דכתיב (ויקרא ב) פתות אותה פתים כו׳ מנחה נרבות כל המנחות לפתיתה אלא למעוטי שתי הלחם ולחם הפנים. שאין טעונים פתיתה: כופל אחת לשנים. דכתיב פתות אותה פתים. ת״ל אותה פתים ולא פתיתים לפתיתים. וכלן פתיתין כזיתים דסיפא דמתני׳ לאו ר״ש קאמר לה אלא דברי הכל היא דלאחר שעשה פתיתין כזיתים כופל כל זית לשנים ושנים לארבעה:

פתות היינו שניסדקין לשכבה היינו שתי חתיכות. פתים מרבינן שחזא החיכה לשתי חתיכו׳ דהיינו ארבעה יכול יעשנה פרורים

המנחות הנעשות בכלי טעונות פתיתה. מנחת ישראל כופל אחד לשנים ושנים לארבעה ומבדיל. מנחת כהנים כופל אחד לשנים ושנים לארבעה ואינו מבדיל. מנחת כהן המשיח לא (היה) מכפלה. רש״א מנחת כהנים ומנחת כהן משיח אין בהם פתיתה מפני שאין בהם קמיצה. וכל שאין בהם קמיצה אין בהם פתיתה. וכלן כזיתים:

מכפלה. לא ה׳ מכפלה לארבעה אלא לשנים דלא כתיב בה אלא מנחה (פתי׳) ולא פתות: רש״א כו׳. ואין הלכה כר״ש:

ה שיפה.

ה כל המנחות טעונות שלש מאות שיפה. וחמש

---

אין אכלי. דארף מען זייא צוא ברעקלען (מנחת ישראל כופל אחד לשנים ושנים לארבעה) דיא מנחה וואס אישראל ברייננט. זאל מען פריער צוא ברעכין דיא מנחה אויף שטיקער וואס יעדער שטיק זאל זיין גרוים וויא אאיילבירט. אונ דיא שטיקער זאל מען צו ברעכין איינע אויף צווייען. איז יעדער שטיקול גרוים וויא אהאלבער איילבירט דער נאך זאל מען נאך אמאהל צוא ברעכין יעדער שטיקול אויף צווייען. ווערט יעדער שטיקול גרוים זיין וויא אפערטיל איילבירט. דאס זאגט דיא משנה „אחד לשנים" וויא איין איילבירט גרוים זאל מען צו ברעכין אויף צווייען „ושנים לארבעה" אונ דיא צוויי האלבע איילבירטען זאל מען אויך צוא ברעכין אויף צווייען. ווערט ווערין פון דיא צווייא שטיקלאך פיר ווערין בהרע״ב (ומבדיל) אונ ער זאל אפ שיידין איין שטיקול פון אנדערין. ווייל ער דארף נעמן פון זייא אקומץ (מנחת כהנים) דיא מנחה וואס אכהן ברייננט (כופל אחד לשנים ושנים לארבעה) זאל מען אויך אזוי צוא ברעכין איינע אויף צווייען. אונ צוויי אויף פירען (ואינו מבדיל) אונ ער דארף ניט אפ שיידין איין שטיקול פון דאס אנדערע. ווייל פון אמנחה וואס אכהן ברייננט נעמט מען ניט אקומץ (מנחת כהן המשיח לא מכפלה) דיא מנחה וואס דער כהן גדול ברייננט אלע טאג. אין דער פריא אונ פארין נאכט. האט מען ניט צו בראכין אויף פיר שטיקלאך. נאר אויף צווייען. רבי שמעון זאגט (מנחת כהנים ומנחת כהן משיח אין בהם פתיתה מפני שאין בהם קמיצה) דיא מנחה פון אכהן אונ דיא מנחה פון כהן גדול האט מען ניט צוא בראכין ווייל מען נעמט ניט פון זייא אקומץ (וכל שאין בהם קמיצה אין בהם פתיתה) אונ דיא מנחות וואס מען נעמט ניט פון זייא אקומץ. דארף מען זייא ניט צוא ברעכין ועתי״ט (וכלן כזיתים) אונ אלע מנחות צוא ברעכט מען אויף אזעלכע שטיקלאך גרויס וויא אאיילבירט. נאר דיא מנחות וואס מען נעמט ניט פון זייא אקומץ דארף מען ניט צוא ברעכין אויף צווייען אונ אויף פירען. נאר זייא בלייבען גרויס וויא אאיילבירטען: ה (כל המנחות טעונות שלש מאות שיפה) אלע מנחות האט מען גידארפט רייבין דיא ווייץ מיט דיא הענט אויף אכלי איידער מען האט זייא גימאלין. דריי הונדערט מאהל. דיא שלאגין זאל אראפ גיין פון זייא (וחמש מאות בעיטה) אונ פינף הונדערט מאהל האט מען גיקלאפט מיט דיא הענט אויף דיא ווייץ. איין מאהל האט מען געריבין מיט דיא האנט אונ צווייא מאהל גיקלאפט. דער נאך האט מען צוויי מאהל געריבען אי׳

מאות בעיטה. והשיפה והבעיטה בחטים. ר' יוסי אומר אף בבצק. כל המנחות באות עשר עשר. חוץ מלחם הפנים וחביתי כ"ג שהם באות שתים עשרה. דברי ר' יהודה. ר' מאיר אומר כולן באות שתים עשרה. חוץ מחלות תודה והנזירות. שהן באות עשר עשר: ו העומר היה בא עשרון מג' סאין. שתי הלחם ב' עשרונים משלש סאין. לחם הפנים עשרים וארבע עשרונים מעשרים וארבע סאין:

שמשפשף החטה בין ידו לכלי כדי שתהא נוחה להסיר קליפתה: בעיטה. שבועט בעובי אגרופו או בעובי פס ידו והיא שף אחת ובועט שתים שף שתים ובועט ג'. וחוזר ועושה כסדר הזה עד שגומר חמש מאות בעיטות לג' מאות שיפות: ה"ג רבי יוסי אומר בבצק. כלומר שיפה ובעיטה בבצק ולא בחטין ואין הלכה כר"י: עשר עשר חלות. ומנחת סלת נמי אע"ג דקודם אפיה נקמצת אפ"ה עשר חלות היא באה: לחם הפנים. בהדיא כתיב ביה י"ב חלות: וחביתי כ"ג. נאמר בלחם הפנים חק עולם ונאמר בחביתי כ"ג חק עולם. מה להלן י"ב חלות. אף כאן י"ב חלות. ומקריבין מהן ו' חלות בבקר ושש חלות בערב: חוץ מחלות תודה שהן באות עשר. כדבעי' למימר טעמא לקמן באידך פרקין ואין הל' כר"מ: ו העומר היה בא עשרון מג' סאין. מנחת העומר שמביאין ממחרת הפסח היו קוצרין ג' סאין. דהיינו איפה שעורים וטוחנים את זו ומניפין אותו בנפה י"ג פעמים עד שמעמידים סלתו על עשרון שהיא עשירית האיפ' וטעמא דבעי עשרון של עומר ג' סאים של שעורים כיון דמתבואה חדשה הוא. ושל שעורים יש בהן סובין הרבה וסולת מועט ולא אתי עשרונו מובחר אלא מג' סאין. שתי הלחם שתי עשרונים משלש סאין כיון דמחטים קאתי אף ע"ג דמתבואה חדשה אתיין דבעצרת התבואה של חטין חדשה היא. אפ"ה שתי עשרונים מובחרים אתו מג' סאים: לחם הפנים כ"ד עשרונים. דהכי כתיב (ויקרא כד) שתים עשרה חלות שני עשרונים יהיה החלה האחת מכ"ד סאים. כיון דמחטין אתו

---

דריי מאהל גיקלאפט. אונ אזוי האט מען גיטאהן ביז מען האט געריבען דרייא הונדערט מאהל אונ גיקלאפט פינף הונדערט מאהל (והשיפה והבעיטה בחטים) מען האט געריבען אונ גיקלאפט דיא ווייץ. רבי יוסי זאגט (בבצק) מען האט געריבען אונ גיקלאפט די טייג גיט דיא ווייץ ועתי טו (כל המנחות באות עשר עשר) אלע מנחות מאכט מען פון זיי צו צעהן חלות (חוץ מלחם הפנים וחביתי כהן גדול שהם באות שתים עשרה) נאר דער לחם הפנים איז צוועלף חלות. אונ דיא מנחה וואס דער כהן גדול ברייננט אלע טאג. מאכט מען אויך צוועלף חלות. זעקס איז מען מקריב אין דער פריא אונ זעקס איז מען מקריב פארין נאכט (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה. רבי מאיר זאגט (כולן באות שתים עשרה) אלע מנחות מאכט מען צוא צוועלף חלות (חוץ מחלות תודה והנזירות שהן באות עשר עשר) נאר דיא חלות וואס מען ברייננט צו אתודה, אונ דיא חלות וואס אנזיר ברייננט. זייא מאכט מען צוא צעהן חלות: ו (העומר היה בא עשרון משלש סאין) צו דיא מנחה פון עומר האט מען גיבראכט דריי סאה גערשטין (דאס איז אאיפה) אונ מען האט זייא גימאלין. אונ מען האט זייא געזיפט דרייצעהן מאהל. ביז מען האט ארויס גינומען רייני מעהל איין צעהנדליג פון אאיפה (שתי הלחם שתי עשרונים משלש סאין) דיא צווייא ברויט פון שבועות זענען גיוועזען גימאכט פון צוויי צעהנדליג מעהל. אונ דיא צוויי צעהנדליג מעהל האט מען אויס געזיפט פון דרייא סאה ווייץ (לחם הפנים עשרים וארבע עשרונים מעשרים וארבע סאין) דיא צוועלף חלות לחם הפנים זענען גיוועזען גימאכט פון פיר אונ צוואנציג צעהנדליג מעהל. אונ דיא פיר אונ צוואנציג צעהנדליג מעהל זענען גיוועזען אויב

ז העומר היה מנופה בשלש עשרה נפה. ושתי הלחם בשתים עשרה. ולחם הפנים באחת עשרה. רש"א לא היה לה קצבה אלא סלת מנופה כל צרכה היה מביא. שנאמר (ויקרא כד) ולקחת סלת ואפית אותה. עד שתהא מנופה כל צרכה :

פרק ז **התודה** היתה באה חמש סאין ירושלמיות שהן שש מדבריות. שתי איפות. והאיפה שלש סאין עשרים עשרון. עשרה לחמץ. ועשרה למצה. עשרה לחמץ. עשרון לחלה. ועשרה למצה. ובמצה שלש מינין. חלות. ורקיקים.

ומתבואה ישנה נפיק עשרון מובחר מסאה :
ז היה מנופה בי"ג נפה. זו למעלה מזו וכל זו למטה אבל לא לעכב שאם הביא עומר עשרון מארב' סאין או שהביאו משני סאין לא פסל : רש"א לא היה לה קצבה. אפי' לכתחלה לא נתנו חכמים קצבה מכמה סאין חטין או שעורין מביאין עומר ושתי הלחם ולחם הפנים אלא רואין בסולת שתהא מנופה כל צרכה ודיו ואין הלכה כרבי שמעון :

פרק ז **התודה**. חמש סאין ירושלמיות שהן שש מדבריות. חמש סאין של ירושלמיות הן שש מאותן שהיו במדבר בימי משה שהוסיפו על המדה שהיתה בימי משה שתות דקי"ל מוסיפין על המדות ואין מוסיפין יותר משתות ואותו שתות הוא שתות מלבר: שתי איפות. כלומר הנך שש סאין הם שתי איפות שהם עשרים עשרון עשרה בכל איפה עשר עשרונות : עשרה לחמץ.

---

געזיפט פון פיר און צוואנציג סאה ווייץ : ז (העומר היה מנופה בשלש עשרה נפה) דיא מעהל פון עומר האט מען געזיפט מיט דרייצעהן זיפען (ושתי הלחם בשתים עשרה) אונ דיא מעהל פון דיא צווייא ברויט פון שבועות. האט מען געזיפט מיט צוועלף זיפען (ולחם הפנים באחת עשרה) אונ דיא מעהל פון לחם הפנים האט מען געזיפט מיט עלף זיפען. כבי שמעון זאגט (לא היה לה קצבה) עס איז ניט געווען אויס געזעצט וויא פיל געשטיין אונ ווייץ מען זאל ברייגגען צום עומר אונ צו דיא צווייא ברויט פון שבועות אונ צו דעם לחם הפנים. אונ עס איז ניט געווען אויס געזעצט וויא פיל מאהל מען זאל זיפען די מעהל (אלא סולת מנופה כל צרכה היה מביא) נאר מען האט געדארפט ברייגגען מעהל גוט אויס געזיפט (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ולקחת סלת ואפית אותה) דוא זאלסט נעמן מעהל אונ זאלסט באקין פון איר דיא חלות (עד שתהא מנופה כל צרכה) דיא מעהל זאל זיין גוט אויס געזיפט. אונ אזוי איז גענט :

פרק ז א (התודה היתה באה חמש סאין ירושלמיות שהן שש מדבריות) דיא מנחה וואס מען האט געבראכט מיט דעם קרבן תודה. איז געוועזן פינף סאה מעהל אויף דיא מאס פון ירושלים. אונ אויף דיא מאס פון דער מדבר איז דאס געוועזן זעקס סאה. ווארום דיא מאס פון ירושלים איז געוועזן גרעסער וויא דיא מאס פון דער מדבר. זעקס סאה פון דער מדבר זענען געוועזן פינף סאה פון ירושלים (שתי איפות) דיא זעקס סאה זענען צווייא איפות (והאיפה שלש סאין) ווארום אאיפה איז דרייא סאה (עשרים עשרון) דיא צווייא איפות זענען צוואנציג צעהנדליגען. יעדער איפה איז צעהן צעהנדליגען (עשרה לחמץ) פון צעהן צענדליגען מעל הט מען גימאכט צעהן חלות חמץ (למצה) אונ פון צעהן צעהנדליגען מעל הט מען גימאכט מצה (עשרה לחמץ) פון צעהן צעהנדליגען מעהל האט מען גימאכט צעהן חלות חמץ (עשרון לחלה) יעדער חלה איז געוועזן גימאכט פון אצעהנדליג מעהל (ועשרה למצה) אונ פון צעהן צעהנדליגען מעהל האט מען גימאכט מצה (ובמצה שלש מינין) דיא

ורבוכה. נמצאו שלשה עשרונות ושליש לכל מין. שלש חלות לעשרון. במדה ירושלמית היו שלשים קב. חמשה עשר לחמץ וחמשה עשר למצה. חמשה עשר לחמץ קב וחצי לחלה וחמשה עשר למצה. והמצה שלשה מינין חלות ורקיקים ורבוכה. נמצאו חמשת קבים לכל מין. שתי חלות לקב: **ב** המלואים היו באים

מכלה עשרונים לעשר חלות חמץ שבתודה: רבוכה. חלוטה במים רותחין קרויה רבוכה. ורמב"ם פי' רבוכה מרובה בשמן וקלוי' בו לפי שהיה בה שמן כנגד החלות והרקיקי': נמצאו שלשה עשרונות ושליש לכל מין ומין. שבמצה: שלשה חלות לעשרון. דהוה להו י' חלות לג' עשרונות ושליש: במדה ירושלמית. שלא היו בה עשרונות אלא קבים הוי הנך חמש סאין ל' קבין. שהסאה ששה קבים. ובגמ' בברייתא מייתי מג"ש שכל מין ומין מד' מינים שבתודה היו באים י' חלות. ואמרו נאמר כאן והקריב ממנו אחד מכל קרבן תרומה לה'. ונאמר בתרומת מעשר [ממנו] תרומה לה'. מה להלן אחד מעשר. אף כאן אחד מעשר. ולמדו שמין אחד של חמץ היה עשרה עשרונים כנגד ג' מינים של מצה. מדכתיב (ויקרא ז) על חלות לחם חמץ. אמרה תורה כנגד חמץ הבא מצה: **ב** המלואים. שהיו בימי משה. כשנתחנך אהרן ובניו לכהונה: היו באים כמצה שבתודה חלות ורקיקים ורבוכה. דכתיב במלואים (שם ח) ומסל המצות אשר לפני ה' לקח חלת מצה אחת וחלת לחם שמן אחת ורקיק אחד. חלת מצה אלו חלות. וחלת לחם שמן זו רבוכה דמוסיף בה שמן כנגד חלות

---

מצה זענען געוועזן דרייא מינים (חלות ורקיקים ורבוכה) חלות. אונ קיכלאך. אונ רבוכה רבוכה איז קיכלאך וואס זענען גיקנעטן געווארן מיט הייסע בוימאייל. ועיין בהרע"ב ותי"ט (נמצאו שלשה עשרונות ושליש לכל מין) יעדער מין מצה איז געוועזן גימאכט פון דרייא צעהנדליגען מיט אדריטטיל מעהל (שלש חלות לעשרון) דריי חלות איז געוועזן גימאכט פון אצעהנדליג מעהל. דריי צעהנדליגען איז ניין חלות. אונ אדריטטיל צעהנדליג איז איין חלה. איז צעהן חלות. אונ צעהן קיכלאך איז אויך געוועזן גמאכט פון דריי צעהנדליג מיט אדריטטיל. אונ צעהן רבוכה איז אויך געוועזן גימאכט פון דריי צעהנדליג מיט אדריטטיל (במדה ירושלמית היו שלשים קב) אויף די מאס פון ירושלים וואס דארט איז ניט געוועזן די מאס פון צעהנדליגען האט מען גימאסטן אויף קבין. האבין דיא פינף סאה גיהאלטן דרייסיג קבין (חמשה עשר לחמץ) פון פופצעהן קבין מעהל האט מען גיבאקן חמץ (וחמשה עשר למצה) אונ פון פופצעהן קבין מעהל האט מען גיבאקן מצה (חמשה עשר לחמץ) פון פופצעהן קבין מעהל האט מען גיבאקן חמץ (קב וחצי לחלה) יעדער חלה איז געוועזן גימאכט פון אקב אונ אהאלבין קב. צעהן חלות איז פופצעהן קבין (וחמשה עשר למצה) אונ פון פופצעהן קבין מעהל האט מען גיבאקן מצה (והמצה שלשה מינים) אונ מצה איז געוועזן דריי מינים (חלות ורקיקים ורבוכה) חלות אונ קיכלאך אונ רבוכה (נמצאו חמשת קבין לכל מין) איז יעדער מין מצה געוועזן גימאכט פון פינף קבין מעהל. חלות פון פינף קבין. רקיקין פון פינף קבין. רבוכה פון פינף קבין אונ יעדער מין מצה איז געוועזן צו צעהן חלות. צעהן קיכלאך. צעהן רבוכה (שתי חלות לקב) איז דאך געוועזן צווייא חלות פון אקב. אונ צוויי קיכלאך פון אקב. אונ צווייא רבוכה פון אקב: **ב** (המלואים היו באים כמצה שבתודה) דיא מנחה וואס מען האט גיבראכט צוא דיא קרבנות פון דיא מלואים (אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה צו) איז געוועזן אזוי וויא דיא מצה פון דעם קרבן תודה (חלות ורקיקים ורבוכה) חלות אונ קיכלאך אונ קיכלאך

כמצה שבתודה. חלות ורקיקים ורבוכה. הנזירות היתה באה שתי ידות כמצה שבתודה. חלות ורקיקים. ואין בה רבוכה. נמצא עשרה קבים ירושלמיות שהן ששה עשרונות ועדוין. ומכלן היה נוטל אחד מי׳ תרומה. שנאמר (ויקרא ז) והקריב ממנו אחד מכל קרבן תרומה לה׳. אחד. שלא יטול פרוס. מכל קרבן. שיהו כל הקרבנות שוין. ושלא יטול מקרבן לחברו. לכהן הזורק את דם השלמים לו יהיה. והשאר נאכל לבעלים:

ג השוחט את התודה בפנים. ולחמה חוץ לחומה. לא קדש את הלחם.

חלות ורקיקים. ורקיק זה רקיק: נזירות. לחמי נזיר שנאמר (במדבר ו) וסל מצות סלת חלות בלולות בשמן ורקיקי מצות משוחים בשמן ורבוכה לא הוזכר שם: שני ידות. שתי חלקים של מיני מצה שבתודה היו בנזירות וכדמפרש ואזיל: נמצאו לנזירות עשר קבין. שהרי בג׳ מיני מצה שבתודה היו ט"ו קבין והוו להו עשרה שתי ידות של ט"ו: שהן שש עשרונות ועדוין. כלומר ועוד שתוסף עליהן שהרי היו ג׳ עשרוני׳ ושליש לכל מין כדאמרן לעיל גבי מצה שבתודה. נמצא לשני מינים שש עשרונות ושני שלישי עשרון. והיינו דקאמר שש עשרונות ועדוין: ומכולן. מכל ארבעה מינים שבא דם היו שהכהנים נוטלים אחד מעשרה תרומה: שלא יטול פרוס. שבור וחתך. שיהיו כל הקרבנות שוין. שמיניסיהו נותן עשרה חלות לכל מין: שלא יטול תרומה מקרבן על חברו. שאם היו ממין זה ט׳ וממין זה ט"ו. נמצא מפרים מזה על זה: ג השוחט את התודה בפנים. לפנים מן העזרה: ולחמה חוץ לחומה. בגמ׳ מוקמינן לה חוץ לחומת בית פאגי. רבותי פירשו חוץ

---

געקענטן מיט היסע אייל (הנזירות היתה באה שתי ידות כמצה שבתודה) אנזיר האט געבראכט צוויא טייל וויא דיא מצה פון אקרבן תודה (חלות ורקיקים ואין בה רבוכה) חלות אונ קיכלאך האט ער געבראכט אונ רבוכה ניט (נמצא עשרה קבין ירושלמיות) האט אנזיר געדארפט ברייגגען צעהן קבין ירושלמיות. פינף קבין צו חלות אונ פינף קבין צוא קיכלאך (שהן ששה עשרונות ועדוין) אויף דיא מאס פון דער מדבר איז דאס זעקס עשרונות מיט צווייא דריטול. דרייא עשרונות מיט אדריטול צוא חלות. אונ דריי עשרונות מיט אדריטול צוא קיכלאך ואזוי וויא עס שטייט אין דיא פריערדיגע משנה (ומכולן היה נוטל אחד מעשרה תרומה) פון דיא אלע פיר מינים חלות וואס איז געוועזן ביי אקרבן תודה. האט דער כהן גענומען איינס פון צעהן תרומה. איין חלה חמץ. איין חלה מצה. איין קיכל. איין רבוכה (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (והקריב ממנו אחד מכל קרבן תרומה לה׳) ער זאל מקריב זיין פון איס איינס פון יעדער מין דאס זאל זיין תרומה צוא גאט (אחד שלא יטול פרוס) איינס מיינט מען אגאנצע. ער זאל ניט נעמען אצובראכענע (מכל קרבן שיהו כל הקרבנות שוין) פון אלע זאל ער נעמען אקרבן. דאס מיינט מען אלע קרבנות ואלע מינים זאלין זיין גלייך. עס זאל זיין צעהן פון יעדער מין (ושלא יטול מקרבן לחברו) דער כהן זאל ניט נעמען צווייא חלות פון איין מין. ער זאל פון אנדערין מין גאר ניט געמען (לכהן הזורק את דם השלמים לו יהיה) דער כהן וואס שפריצט דיא בלוט פון דיא שלמים. ער זאל נעמען תרומת פון דיא חלות (והשאר נאכל לבעלים) אונ דיא איבעריגע חלות זאל עסן דער בעל הבית׃

ג (השוחט את התודה בפנים) אויב ער האט געשאכטן דיא תודה אינווייניג. אין די עזרת (ולחמה חוץ לחומה) אונ די ברויט האט ער געבאקט אויסער דיא מאהער פון ירושלים וועין בהרע״ב ותייטו (לא קדש את הלחם) איז דיא ברויט ניט געהייליגט געווארין. אונ אויב ער

שחטה עד שלא קרמו בתנור. ואפילו קרמו כולן חוץ מאחד מהן. לא קדש הלחם. שחטה ח״ץ לזמנה וח״ץ למקומה. קדש הלחם. שחטה ונמצאת טרפה. לא קדש הלחם. שחטה ונמצאת בעלת מום. ר״א אומר קדש. וחכ״א לא קדש. שחטה שלא לשמה. וכן איל המלואים וכן שני כבשי עצרת ששחטן שלא לשמן. לא קדש הלחם:

לחומה החיצונה של ירושלים (אבל חוץ לעזרה קדוש) ואף על גב דכתיב (ויקרא ז) והקריב על זבח התודה חלות דמשמע לכאורה שיהא הלחם אצלה בשעת זביחה לא דייק על בסמוך. והרמב״ם גורס בית פגי ומפרש שהיא מקום קרוב להר הבית. אלא שהוא חוץ לחומת הר הבית ושם אופים המנחות וע״ש כך היו קורים לו בית פגי לשון פת בג המלך: עד שלא קרמו בתנור. לאו לחם מיקרי. אלא פנים בעלמא: שחטה ע״מ לאכלה חוץ לזמנה. קדש הלחם ונפגל: ע״מ לאכלה חוץ למקומה. קדש הלחם ונפסל. וטעמא דקדש הלחם משום דפסולו בקדש. וקי״ל כל שפסולו בקדש הקדש מקבלו: שחטה ונמצאת טריפה לא קדש הלחם. דפסולו קודם שחיטה הוא: שחטה ונמצאת בעלת מום ר״א אומר קדש. בגמ׳ מוקי לה בדוקין שבעין. דבהכי הוי מומא סבר ר״א דאם עלו לא ירדו הואיל ואין מומין ניכר הלכך קדש הלחם. ואין הלכה כר״א: שלא לשמה. לא קדש הלחם דכתיב (ויקרא ז) על חלות לחם חמץ יקריב קרבנו על זבח תודת שלמיו על זבח שנזבח לשם תודת שלמיו: וכן איל המלואים. לפי שהן היו תחלה לכל הקרבנות נקט איל המלואים וה״ה לאיל נזיר.

האט גיבאקט דיא ברויט אין די עזרה (שחטה עד שלא קרמו בתנור) נאר ער הט גישאכטין דעם קרבן ווען דיא ברויט איז נאך גיוועזן טייג. איידער זייא זענען פאר טריקנט גיווארין אין הייבין (ואפילו קרמו כולן חוץ מאחד מהן) אפילו אלע ברויט זענען שוין גיוועזן פאר טריקנט. נאר איין ברויט איז נאך ניט גיוועזן פאר טריקנט ווען מען האט גישאכטין דעם קרבן (לא קדש הלחם) זענען אלע ברויט ניט גיהייליגט גיווארין (שחטה חוץ לזמנה) אויב ער האט גישאכטין דעם קרבן אונ האט גיטראכט ער זאל אים עסין שפעטער וויא דיא צייט איז. איז דיא ברויט גיווארען הייליג אונ איז פגול (וחוץ למקומה) אדער ער האט גישאכטין דעם קרבן אונ האט גיטראכט ער זאל אים עסין ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף אים עסין (קדש הלחם) איז דער ברויט הייליג גיווארין אונ איז פסול (שחטה ונמצאת טרפה) אויב ער האט גישאכטין דעם קרבן אונ עס איז גיפונען גיווארין אז דער קרבן איז גיוועזן טריף נאך איידער מען האט אים גישאכטין (לא קדש הלחם) איז דער ברויט ניט הייליג גיווארין (שחטה ונמצאת בעלת מום) אויב ער האט גישאכטין דעם קרבן אונ עס איז גיפונען גיווארין אז דער קרבן האט אפעלער אויף דיא ווייסיל פון אויג. רבי אליעזר זאגט (קדש) דער ברויט איז גיהייליגט גיווארין (וחכמים אומרים לא קדש) אונ דיא חכמים זאגין דער ברויט איז ניט גיהייליגט גיווארין (שחטה שלא לשמה) אויב ער האט גישאכטין דיא תודה ניט צוא איר נאמען וניט פון וועגין א תודה נאר אויף דעם נאמען פון איין אנדער קרבן. איז דער ברויט ניט הייליג (וכן איל המילואים) אונ אזוי איז דער דין אויב מען האט גישאכטין דעם קרבן פון מלואים אדער דעם קרבן פון א נזיר ניט צוא זיין נאמען ניט פון וועגין מלואים אדער ניט פון וועגין נזיר. נאר צוא דעם נאמען פון איין אנדער קרבן. איז דר ברויט ניט הייליג. (וכן שני כבשי עצרת ששחטן שלא לשמן) אונ אזוי איז דער דין אויב מען האט גישאכטין דיא צוויא שעפ[illegible]ן פון שבועות. ניט צוא זייער נאמען. נאר צוא דעם נאמען פון איין אנדער

ד נסכים שקדשו בכלי ונמצא הזבח פסול. אם יש שם זבח אחר. יקרבו עמו. ואם לאו יפסלו בלינה. ולד תודה ותמורתה. והמפריש תודתו ואבדה. והפריש אחרת תחתיה. אינן

דמלואים כקרבן יחיד הן חשובים: ד נסכים שקדשו בכלי. לאו דוקא בכלי. שאין נסכים מתקדשים ליפסל ביוצא ובלינה ואע"פ שקדשו בכלי. אלא בשחיטת הזבח דכתיב זבח ונסכים שהנסכים תלויים בזבח: ונמצא הזבח פסול. שנפסל בזריקה דאילו בשחיטה נפסל לא קדשו נסכים: אם יש שם זבח אחר יקרבו עמו נסכים של צבור אוקמינן לה למתני' משום דלב"ד מתנה עליהם. אם הוצרכו לזבח זה הוצרכו. ואם לאו יהיו לזבח אחר. אבל נסכים של יחיד אין כשרים לזבח אחר. ואפי' נסכים של צבור אין קריבים עם זבח אחר אא"כ היה אותו זבח זבוח כשנפסל הזבח הראשון אבל אם לא היה זבוח בשעה שנפסל הזבח הראשון אין קריבים עם הזבח האחר. ומתני' חסורי מחסרא וה"ק יקרבו עמו. בד"א שהיה זבח זבוח באותה שעה אבל אם לא היה זבח זבוח באותה שעה נעשה כמו שנפסלו בלינה ופסולי' והכי מפרש' מתני' בגמרא. וכ"ז שלא נתקדשו נסכים בכלי אע"פ שנשחט הזבח יכולים להקריב נסכים אפי' אחר כמה ימים דקי"ל מביא אדם קרבנו היום ונסכו אפי' אחר כמה ימים בין נסכים של יחיד בין נסכים של צבור. וכן מצורע מביא אשמו היום ולוג שמן שלו לאחר כמה ימים: ולד תודה. שהפריש תודה מעוברת וילדה: וכן המפריש תודתו ואבדה. והפריש אחרת תחתיה אינה טעונה לחם. הראשונה אם נמצאת לאחר

---

קרבן (לא קדש הלחם) איז דער ברויט ניט הייליג: ד (נסכים שקדשו בכלי ונמצא הזבח פסול) דיא מנחה וואס מען ברייננט מיט דעם קרבן. אונ מען האט דיא מנחה אריין גילייגט אין אהייליגע כלי (ועיין בהרע"ב ותי"ט) אונ מען האט גישאכטין דעם קרבן. אונ ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט פון דעם קרבן אויף דעם מזבח איז דער קרבן פסול גיווארין (אם יש שם זבח אחר) אויב דארט אין דיא עזרה איז דא איין אנדער קרבן אגישאכטענער (יקרבו עמו) זאל מען מקריב זיין דיא מנחה מיט דעם אנדערין קרבן (ואם לאו) אונ אויב אין דיא עזרה איז ניט גיוועזין קיין אנדער גישאכטענער קרבן (יפסלו בלינה) איז דיא מנחה פסול גלייך ווייא זיא וואלט גינעכטיגט אגאנצע נאכט אויסער דעם מזבח. אונ דער דין איז נאר ביא אקרבן מיט אמנחה וואס מען איז מקריב פאר אלע יודינס וועגין. אבער אקרבן מיט אמנחה וואס אמענטש איז מקריב פאר זיך. אונ דער קרבן איז פסול גיווארין איז מען ניט מקריב דיא מנחה צוא איין אנדער קרבן. אונ אויב דיא מנחה איז נאך ניט גילעגין אין אהייליגע כלי. קען מען מקריב זיין דיא מנחה אן דעם קרבן. ווען מען וויל. אפילו אין פיל טעג שפעטער (ולד תודה) דיא קאלב פון אתודה אויב מען האט גיזאגט אויף אבהמה זיא זאל זיין אתודה. אונ דיא בהמה איז גיוועזין מעוברת אונ האט גיבאהרין אקאלב איז דיא קאלב אויך אתודה נאר מען איז איר מקריב אן אמנחה. אן ברויט (ותמורתה) אדער מען האט אומגיטאשט דיא תודה אויף איין אנדער בהמה דארף מען ביידע מקריב זיין נאר דיא אנדערע איז מען מקריב אן ברויט (והמפריש תודתו ואבדה והפריש אחרת תחתיה) אדער ער האט אפ גישיידט אבהמה זיא זאל זיין אתודה. אונ זיא איז פארלארין גיווארין. האט ער אפ גישייט איין אנדער בהמה זיא זאל זיין אתודה פאר יענע תודה. אויב דיא ערשטע תודה איז גיפונען גיווארין דער נאך ווייא מען האט שוין מקריב גיוועזין דיא אנדערע תודה (אינן טעונין לחם) איז מען מקריב דיא ערשטע תודה אן ברויט. אונ אויב דיא ערשטע תודה איז גיפונען גיווארין איידער מען האט מקריב גיוועזין דיא אנדערע

טעונים לחם. שנאמר (ויקרא ז) והקריב על זבח התודה. התודה טעונה לחם. ולא ולדה. ולא חליפתה ולא תמורתה טעונין לחם: ה האומר הרי עלי תודה. יביא היא ולחמה מן החולין. תודה מן החולין ולחמה מן המעשר. יביא היא ולחמה מן החולין. תודה מן המעשר ולחמה מן החולין יביא. התודה היא ולחמה מן המעשר יביא.

הקרבת שניה. וכן שניה אם נמצאת הראשונה קודם הקרבתה והקריב הראשונה. שוב אין השניה טעונה לחם: חליפתה. היינו הפריש תודה ואבדה ומפריש אחרת תחתיה: תמורתה. כגון שעומדת בעין ואומר זו תמורת זו. וכתיב (ויקרא כז) והיה הוא ותמורתו יהיה קדש: ה יביא היא ולחמה מן החולין. ולא מן המעשר דכיון דאמר הרי עלי ה"ל דבר שבחובה וכל דבר שבחובה אינו בא אלא מן החולין: אם אמר הרי עלי תודה מן החולין ולחמה מן המעשר יביא היא ולחמה מן החולין. דלחם נגרר אחר תודה וכיון דאמר הרי עלי תודה מן החולין בע"כ אחייב ליה בלחם הלכך הא דמהדר ואמר לחמה מן המעשר לאו כלום הוא: תודה מן המעשר ולחמה מן החולין יביא. כלומר יביא כמו שנדר ולאו חובה דכ"ש אם יביא שניהם מן החולין דשפיר עבד אלא אם רצה להביא כמו שנדר יביא: ולא יביא הלחם מחטי מע"ש עצמו. דלחם דומיא דשלמים בעינן. מה שלמים ממעות מע"ש

---

תודה. האט מען מקריב געוועזן דיא ערשטע תודה. דער נאך אז מען איז מקריב דיא אנדערע תודה. איז מען מקריב אן ברויט (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (והקריב על זבח התודה) מען זאל מקריב זיין אויף דעם קרבן תודה ברויט פערציג חלות (התודה טעונה לחם) צוא דיא תודה דארף מען מקריב זיין ברויט (ולא ולדה) אבער אז מען איז מקריב דיא קאלב פון דיא תודה. דארף מען ניט מקריב זיין ברויט (ולא חליפתה) אונ אז דיא תודה איז פארלארין געווארין אונ מען האט אפ געשיידט איין אנדער בהמה פאר דהתודה. אונ דיא ערשטע איז אויך געפונען געווארין. אויב מען האט מקריב געוועזן דיא ערשטע נאך דיא אנדערע. דארף דיא ערשטע ניט קיין ברויט. אונ אויב מען האט מקריב געוועזן דיא אנדערע נאך דיא ערשטע. דארף דיא אנדערע ניט קיין ברויט (ולא תמורתה טעונין לחם) אונ אויב דיא תודה איז געוועזן אונ ער האט געזאגט דיא תודה זאל זיין אומגיטאשט אויף דיא בהמה. ווערין ביידע הייליג. דיא ערשטע תודה דארף ברויט. אונ דיא אנדערע תודה דארף ניט קיין ברויט: ה (האומר הרי עלי תודה) אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברענגען א תודה (יביא היא ולחמה מן החולין) זאל ער ברענגען דיא תודה מיט דיא ברויט פון זיין אייגענע געלט וואס זענען ניט הייליג. אונ ער טאר ניט ברענגען דיא תודה פון מעשר בהמה. אונ ער טאר ניט קויפן דיא תודה מיט דיא ברויט פון געלט פון מעשר שני (תודה מן החולין ולחמה מן המעשר) אונ אויב ער האט געזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברענגען דיא תודה פון מיין געלט וואס ניט הייליג. אונ דיא ברויט זאל איך ברענגען פון געלט פון מעשר שני (יביא היא ולחמה מן החולין) מוז ער ברענגען דיא תודה מיט דיא ברויט פון זיין געלט וואס איז ניט הייליג (תודה מן המעשר ולחמה מן החולין) אבער אז ער האט געזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברענגען דיא תודה פון מעשר. אונ דיא ברויט פון חולין (יביא) מעג ער ברענגען אזוי וויא ער האט א נדר גיטאהן. דיא תודה פון מעשר אונ דיא ברויט פון חולין. אונ אויב ער וויל ברענגט ער ביידע פון חולין (התודה היא ולחמה מן המעשר) אויב ער האט געזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברענגען א תודה מיט די ברויט פון מעשר (יביא) מעג

ולא ממעשר שני עצמו. אף לחם כן: ך מה פסח שהוא בא בחובה אינו בא אלא מן החולין. דפסח מצרים לא בא אלא מן החולין שעדיין לא היתה להם שום תבואת מע"ש שאין מעשר אלא משנכנסו לארץ ומה פסח מצרים לא בא אלא מן החולין. אף פסח דורות אינו בא אלא מן החולין. שהרי הוא אומר (שמות יג) ועבדת את העבודה הזאת בחדש הזה שיהו כל עבודות החדש הזה. כזה של מצרים: אף כל דבר שבחובה נמי כו'. לפיכך האומר הרי עלי תודה או שלמים. הואיל והן באים חובה דקאמר הרי עלי. לא יביא אלא מן החולין: והנסכים. אפי' אמר הרי עלי נסבית ממעשר. לא יביא אלא מן החולין דכי שרא רחמנא לאתויי שלמים ממעשר ש"מ שלמים גופייהו דבני אכילה נינהו. אבל נסכים דכליל הם לא

ולא יביא מחטי מע"ש. אלא ממעות מע"ש: ך מנין לאומר הרי עלי תודה שלא יביא אלא מן החולין שנאמר (דברים טז) וזבחת פסח לה' אלהיך צאן ובקר. והלא אין פסח בא אלא מן הכבשים ומן העזים. א"כ למה נאמר צאן ובקר אלא להקיש כל הבא מן הבקר ומן הצאן לפסח. מה פסח שהוא בא בחובה. ואינו בא אלא מן החולין. אף כל דבר שהוא בא בחובה. לא יבוא אלא מן החולין. לפיכך האומר הרי עלי תודה. הרי עלי שלמים

---

ער ברייננען ביידע פון מעשר (ולא יביא מחטי מעשר שני) און ער זאל ניט מאלין ווייץ פון מעשר שני און מאכין מעהל און מאכין דיא ברויט פון דיא תודה (אלא טמעות מעשר שני) נאר ער זאל אום טאהשין ווייץ אדער אנדערע פירות פון מעשר שני אויף געלט. און פון דיא געלט זאל ער קויפין מעהל און מאכין דיא ברויט פון דיא תודה: ו (מנין לאומר הרי עלי תודה שלא יביא אלא מן החולין) פון וואנען ווייסין מיר אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברייננען התודה. טאר ער ניט ברייננען דיא תודה פון הייליגע געלט נאר פון זיינע געלט וואס ניט הייליג (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (וזבחת פסח לה' אלהיך צאן ובקר) דוא זאלסט שעכטין אקרבן פסח צוא גאט שעפסין און אקסין (והלא אין פסח בא אלא מן הכבשים ומן העזים) פרעגט דיא משנה אקרבן פסח קומט דאך ניט פון קיין אנדער זאך נאר פון שעפסין אדער פון ציגען (אם כן למה נאמר צאן ובקר) נאר פאר וואס זאגט דיא תורה שעפסין און אקסין (אלא להקיש כל הבא מן הבקר ומן הצאן לפסח) ענטפערט דיא משנה דער פסוק מיינט נאר מען זאל צוא גלייכין אלע קרבנות וואס ווערין גיבראכט פון אקסין אדער פון שעפסין צום קרבן פסח (מה פסח שהוא בא בחובה) אזוי וויא אקרבן פסח וואס מען מוז אים מקריב זיין (ואינו בא אלא מן החולין) און מען טאר אים ניט מקריב זיין נאר פון געלט וואס איז ניט הייליג. ווארום מיר לערנען אפ פון דעם קרבן פסח וואס מען האט מקריב גיוועזן אין מצרים. אזוי וויא דער ערשטער קרבן פסח וואס מען האט גימאכט אין מצרים. איז דאך געווים גיוועזן פון געלט וואס איז ניט הייליג. ווארום ביי יודין אין מצרים איז דאך ניט גיוועזן קיין הייליגע געלט. אזוי אייביג ווען מען איז מקריב אקרבן פסח. מוז ער אויך זיין פון געלט וואס איז ניט הייליג (אף כל דבר שהוא בא בחובה לא יבוא אלא מן החולין) אזוי אלע קרבנות וואס מען מוז זייא מקריב זיין. מוזין זייא נאר גיבראכט ווערין פון געלט וואס זענען ניט הייליג (לפיכך האומר הרי עלי תודה הרי עלי שלמים) דריבער אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברייננען אתודה. אדער ער זאגט איך נעם אויף מיר

יביאו מן המעשר : תביאו להם : מכבס ומזוניחה . פ"ות של
פרק ח כל קרבנות . מן החדש ומן הישן . מקומות הן : אלפא לסלת . סלת שלהן ראשון
במנחות קאמר : שאינן באים ומובחר לכל הסלתות כאלף זו שהיא ראשונה
אלא מן החדש . כשמר כתיב (ויקרא כג) לכל האותיות : אלפא . זו אלף בל׳ יוני :
מנחה חדשה ובשתי הלחם כתיב (שמות לד) בכורי קציר חטים : ומן הארץ . כשומר כתיב (ויקרא כג) כי תבואו אל הארץ וגו׳ וקצרתם את קצירה ובשתי הלחם כתיב (שם) ממושבותיכם

שלמים . הואיל והם באים חובה . לא יבואו אלא מן החולין . והנסכים בכל מקום . לא יבואו אלא מן החולין :

פרק ח **כל** קרבנות הצבור והיחיד . באים מן הארץ ומחוצה לארץ . מן החדש ומן הישן . חוץ מן העומר ושתי הלחם . שאינן באים אלא מן החדש ומן הארץ . וכלן אינן באים אלא מן המובחר . ואיזהו מובחר . מכמס ומזוניחה אלפא לסולת . שנייה להם חפריים בבקעה . כל הארצות היו כשרות . אלא מכאן היו מביאים :

שנייה להן . קרובה סלתה להיות מובחרת כסלת מכמס ומזוניח׳ : חפריים בבקעה . שתי חפרים הן אחת בהר ואחת בבקעה ואותה שבבקעה היא הסלת שלה מובחרת : כל

אין

---

איך זאל ברענגען שלמים (הואיל והם באים חובה) ווייל אז ער האט אנדר גיטאהן מוז ער דאך שוין ברענגען (לא יבואו אלא מן החולין) מוז מען זייא ברענגען נאר פון געלט וואס איז ניט הייליג (והנסכים בכל מקום לא יבואו אלא מן החולין) אונ דיא מנחות וואס ווערין גיבראכט צוא א קרבן . אפילו ווען ער האט אנדר ניטאהן האט ער גיזאגט ער זאל זייא ברענגען פון מעשר . העלפט ניט . נאר ער מוז ברענגען פון געלט וואס זענען ניט הייליג . ווייל דיא מנחות ווערין אין גאנצין פאר ברענט אויף דעם מזבח . אונ געלט פון מעשר מוז גיגעסין ווערין . אויב ער האט אנדר גיטאהן ער זאל ברענגען פון מעשר אזוי אזאך וואס ווערט גיגעסין (שלמים אדער תודה אדער די ברויט פון א תודה) מעג ער ברענגען פון מעשר . אבער אז ער האט אנדר גיטאן ער זאל ברענגען פון מעשר אזוי אזאך וואס ווערט פאר ברענט . טאר ער ניט ברענגען פון מעשר :

פרק ח א (כל קרבנות הצבור והיחיד) אלע מנחות וואס ווערין גיבראכט פאר אלע יודינס ווענין . אונ אלע מנחות וואס א מענטש ברענגט פאר זיך (באים מן הארץ ומחוצה לארץ) מעג מען זייא ברענגען פון ארץ ישראל . אונ פון אויסער ארץ ישראל (מן החדש ומן הישן) פון נייע תבואה אונ פון אלטע תבואה (חוץ מן העומר ושתי הלחם) נאר דער עומר פון פסח אונ דיא צוויא ברויט פון שבועות (שאינן באין אלא מן החדש ומן הארץ) זיי מוזין נאר גיבראכט ווערין פון נייע תבואה אונ פון ארץ ישראל (וכולן אינן באים אלא מן המובחר) אונ אלע מנחות מוז מען ברענגען פון די בעסטע מעהל (ואיזהו מובחר) אין וועלכע ארטער איז דאס בעסטע מעהל (מכמס ומזוניחה אלפא לסלת) דיא ערשטע בעסטע מעהל איז אין דעם ארט מכמס אונ אין דעם ארט מזוניחה (שנייה להם) דיא אנדערע מעהל . וואס זייא זענען אביסעלע פראסטער וויא דיא מעהל פון מכמס אונ מזוניחה . נאר פון דעסטוועגין זענען זייא אויך גאנץ גוטע מעהל (חפריים בבקעה) דיא מעהל וואס קומט פון דעם ארט חפריים וואס אין טאהל (כל הארצות היו כשרות) דיא מעהל פון אלע לענדער פון ארץ ישראל זענען כשר צוא ברענגען פון זייא א מנחה (אלא מכאן היו מביאים) נאר מען פלעגט

הארצות. של א"י היו כשרות אלא שמכאן היו מביאים: ב אין מביאין. עומר ושתי הלחם: לא מבית הזבלים. משדה שצריכה לזבל דשמא לא נזדבלה כל צרכה ונמצאו פירותיה כחושים א"נ לפי שהזבל מבאיש ומפסיד טעם הפרי: ולא מבית השלחים. ארץ צמאה למים שפירותיה כחושין: ולא מבית האילן. מתבואה שבין האילנות שהאילנות הגדולים שם יונקים הקרקע ומכחישים הזרעים: נרה. חורש ל' נירו לכם ניר (ירמיה ד): ובשניה זורעה. בגמ' מסיק דשנה ראשונה חורשה כולה וזורע חציה ומניח חציה ניר. וכן בשניה חורשה כולה וזורע החצי שלא זרע

**ב** אין מביאין לא מבית הזבלים. ולא מבית השלחים. ולא מבית האילן. ואם הביא כשר. כיצד הוא עושה. נרה שנה ראשונה. ובשניה זורעה קודם לפסח שבעים יום והיא עושה סולת מרובה. כיצד הוא בודק. הגזבר מכניס את ידו לתוכה. עלה בה אבק פסולה. עד שיניפנה. ואם התליעה פסולה: **ג** תקועה אלפא לשמן. אבא שאול אומר שניה לה רגב בעבר הירדן. כל הארצות היו

אשתקד. והחצי שזרע אשתקד מניחו ניר. וכן בכל שנה זורע ניר של אשתקד: כיצד בודק. הסולת אם מנופה כל צרכה. אם לאו: עלה בידו אבק. קמח דק וגרוע הוא: עד שיניפנה. בנפה לעביר האבק דק שנשאר בה: ואם התליעה. הסולת או החטה: פסולה. דהוה שהתליעה ברובה וילפינן לה לקמן בפ"ט מדכתיב (במדבר כח) תמימים יהיו לכם ומנחתם. תמימים יהיו לכם ונסכיהם. שיהיו ג"כ המנחות והנסכים תמימים: ג תקועה. עיר ששמה תקועה כדכתיב (שמואל ב יד) וישלח יואב תקועה: אלפא לשמן. השמן שלה ראשון ומובחר לשמן

---

ברייננען מעהל צוא אמנחה פון דיא דריי ערטער: ב (אין מביאין לא מבית הזבלים) מען טאר ניט ברייננען מעהל צום עומר אונ צוא דיא צוויי ברויט פון שבועות (ועתי"ט) פון דיא ווייץ וואס האבין געוואקסין אויף אזוי אפעלד וואס מען האט אויף איר געשאטין מיסט (ולא מבית השלחים) אונ ניט פון אזוי אפעלד וואס זיא דארף האבין פיל וואסער (ולא מבית האילן) אונ ניט פון אזוי אפעלד וואס דארט וואקסט בוימער (ואם הביא כשר) אונ אויב מען האט געבראכט מעהל פון דיא ווייץ וואס האבין געוואקסען אין איינע פון דיא דריי ערטער. איז דיא מנחה כשר (כיצד הוא עושה) ווי זאל מען טאהן (נרה שנה ראשונה) מען האקערט די גאנצע פעלד דעם ערשטין יאהר. אונ אהאלבע פעלד פאר זייט מען. אונ אהאלבע פעלד לאזט מען ליידיג (ובשניה זורעה קודם לפסח שבעים יום) אונ דעם אנדערין יאהר זיבעציג טעג פאר פסח האקערט מען דיא גאנצע פעלד. דיא העלפט וואס יענעם יאהר איז געוועזן ליידיג. פאר זייט מען דעם יאהר. אונ דיא העלפט וואס יענעם יאהר איז געוועזן פאר זייט. לאזט מען דעם יאהר ליידיג. אונ אזוי טוהט מען אלע יאהר (והיא עושה סולת מרובה) וואקסט פיל ווייץ אונ פון דיא ווייץ ווערט פיל מעהל (כיצד הוא בודק) וויא אזוי פרובט מען דיא מעהל אויב זיא איז גוט אויס געזיפט (הגזבר מכניס את ידו לתוכה) דער גבאי שטעקט אריין דיא האנט אין דיא מעהל (עלה בה אבק פסולה) אויב עס איז ארויף געקומען אויף דיא האנט דינגע מעהל אזוי וויא שטויב. איז נאך דיא מעהל פסול (עד שיניפנה) ביז ער וועט אויס זיפען דיא דינגע מעהל (ואם התליעה פסולה) אויב דיא מעהל אדער די ווייץ איז געווען ווערעמדיג. איז פסול: ג (תקועה אלפא לשמן) דיא ערשטע בעסטע אייל איז אין תקועה. אבא שאול זאגט (שניה לה רגב בעבר הירדן) דיא אייל וואס אין דעם ארט רגב וואס אויף דיא זייט ירדן. איז דיא אנדערע אייל פון תקועה. זיא איז אביסעלע פראסטער וויא די

כחלק זו שהיא ראשונה לאותיות : אנפיקנון . שמן העשוי מזיתים שלא הביאו שליש בשולן והוא מר מאד : שנשרו במים . שהמים נקלקלים את השמן : ד ג זיתים . ג"פ בשנה מלקטים את הזיתים וכהן ג' שמנים בכל פעם יש ג' מינים שמן : הזית הראשון . פעם ראשונה שמלקט : מגרגרו בראש הזית . מלקט גרגרים שהן בראש הזית שהן מתבשלים תחלה לפי שהחמה זורחת עליהן ומבשלתו : לתוך הסל . ומשתמן ויוצא והכלי תחת הסל לקבל השמן : ר"א סביבות דופני הסל . נותן

כשרות אלא מכאן היו מביאין. אין מביאין לא מבית הזבלים. ולא מבית השלחים. ולא ממה שנז"ע ביניהם. ואם הביא כשר. אין מביאין אנפיקנון. ואם הביא פסול. אין מביאין מן הגרגרים שנשרו במים. ולא מן הכבושים. ולא מן השלוקין. ואם הביא פסול: ד שלשה זיתים. ובהן שלשה שלשה שמנים. הזית הראשון מגרגרו בראש הזית וכותש ונותן לתוך הסל ר' יהודה אומר סביבות הסל

---

